# די מערכה איבער אן עירוב אין ניו יארק

## אויפקלערונג פון רעדאקציע

אזוי ווי עס איז אין די סעריע געווען געשריבן זאכן וואס קענען אויסגעטייטשט ווערן אומגינסטיג לגבי רבנים הגאונים הצדיקים זצ"ל, איז אוודאי נישט געווען דער ווילן פונעם שרייבער ח"ו עמיצן צו באליידיגן בכל אופן שהוא.

בנוגע די אקטיוויטעטן פון ראצפערטער רב זצ"ל איבער'ן עירוב אין וויליאמסבורג, האבן מיר באקומען די פאלגענדע באלערנדע אינפארמאציע פון זיינע נאענטע מקורבים:

* * * * *

אין שנת תשל"ו איז דער ראצפערטער רב זצ"ל, וואס האט געארבעט אוועקגעשטעלט אין עירוב אין וויליאמסבורג, אריינגעגאנגען צום סאטמערער רבי'ן זי"ע און דערציילט אז ער פלאנט צו מאכן אן עירוב אויף גאנץ וויליאמסבורג מיט אייזערנע שטריק, און אזוי אויך אים פונקטליך געוויזן די מאפע.

דער רבי זי"ע האט אים געפרעגט: וועלכע רבנים שטייען אונטער דעם עירוב? האט דער ראצפערטער רב זצ"ל געענטפערט, דער פאפא רב, דער שארמאשער רב, דער טשאקעווע רב, וכו'. אזוי אויך האט ער אים געוויזן בריוו פון די רבנים. דער רבי זצ"ל האט געהאט גרויס הנאה און אים אנגעוואונטשן גרויס הצלחה.

עס איז געשטאנען דארט אין די זייט דעמאלט הגה"צ רבי מאיר שפיץ שליט"א אבד"ק ביסטריץ, וואס איז דאן געווען א משב"ק, וואס דער רבי האט געהייסן צושטייער געבן א סכום עצום בימים ההם פון 500 דאלאר. (ס'איז פאראן א טעיפ ביי די ניחום אבלים אויף דעם ראצפערטער רב זצ"ל, וואו ער דערציילט די זאך פאר די רבנים.)

דערנאך האט זיך די זאך געשלעפט עטליכע יאר נישט האבנדיג גענוג געלט אויף די גרויסע הוצאות וואס איז אריבערגעגאנגען דעם סכום פון 20,000 דאלאר "בימים ההם".

שנת תשמ"א איז ענדליך דער עירוב פארטיג געווארן אין וומסב"ג, דעמאלס האט זיך די ראצפערטער רב זצ"ל געגרייט אנצוהייבן מאכן א עירוב אן בארא פארק. בימים ההם ווען ס'איז פארטיג געווארן דער עירוב איז דער ראצפערטער רב זצ"ל ארויף צום סאטמארער רבי'ן שליט"א און געבעטן אז ער זאל געבן זיין חתימה זעענדיג ווי עס האבן זיך געמאכט מתנגדים, אבער דער סאטמארער רבי שליט"א האט אים געענטפערט אז ס'איז גענוג אז עס איז דא דעם פאפער רב'ס חתימה.

דערנאך זענען אין איין קאר ארומגעפארן איבערקוקן די עירוב, הגה"צ ר' פישל הערשקאוויטש אבד"ק האליין, און הגה"צ מפאפא שליט"א בשליחות אביו זצ"ל, און אלעס איז געווען פערטיג. דערוויל זענען עש"ק אינמיטן דער נאכט אנגעקומען א פאר מחריבים און זיי האבן חרוב געמאכט די עירוב, טענה'נדיג אז וויבאלד עס איז נישטא קיין חתימה פון סאטמארער רב שליט"א, גלייבן זיי נישט אז ער מסכים אז מען זאל מאכן דעם עירוב.

דער ראצפערטער רב זצ"ל פלעגט זיך ארויסדרוקן כל ימיו, אז ווען ער זאל וויסן אז עס ווען זיך שטעלן אזעלכע מתנגדים אויפ'ן עירוב וואלט ער נאך בימים כתיקונם גענומען א חתימה פון סאטמארער רבי'ן זצ"ל, נאר עס איז אים נישט איינגעפאלן אז עס וועלן זיין אויף דעם אזעלעכע מתנגדים. סוף ימיו האט ער געהאט צוגעגרייט שטריק וואס ער האט געוואלט צוריק אנהייבן צו מאכן דעם עירוב, ברם לא עלתה לו און ביום כ"ט טבת שנת תשנ"ז האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה און איר צוריקגעגעבן לאדון כל. אבער א בריוו פון הרה"צ ר' יוסף אשכנזי שליט"א משב"ק ויד ימינו פון סאטמארער רבי'ן זי"ע פון שנת תשמ"א איז יא פארהאן און וואו ער איז מעיד אויפ'ן עפיזאד וואו פריער דערמאנט.

ס'איז כדי אויך צו דערמאנען אז הגה"צ ר' משה ארי' פריינד זצ"ל ווען ער פלעגט קומען קיין אמעריקע פלעגט ער אלעמאל פרעגן דעם ראצפערטער רב, ווען עס וועט שוין פארטיג ווערן די עירוב, אזוי אויך תולדות אהרן רבי זצ"ל, ולהבחל"ח דער טאהשער רבי שליט"א. די אלע בריוו וואס איז נתפרסם געווארן פון די רבנים וואס זיי האבן געשיקט פאר'ן ראצפערטער רב איז נאך בשעתו נתפרסם געווארן אין עטליכע פלעצער, און אזוי אויך אין די ירחון "די תורה וועלט", אריינגערעכענט דעם בריוו פון הגה"צ אראדער רב זצ"ל.

* * * * *